וועכענטליכע גליון ארויסגעגעבן דורך
**מוסדות היכל הקודש**
**קרית ברסלב ליבערטי**
בנשיאות הראש ישיבה שליט"א

# קרית ברסלב בלעטל

פרשת ויחי, י"ח טבת תשפ"א לפ"ק
שנה ב' גליון נ"ח

**זמנים**
(Liberty)
הדלקת הנרות........................4:20
מוצאי שבת..............................5:52

# א מעשה פון תפלה

## יענקי יאקאבאוויטש

עס איז געווען מאנטאג נאכמיטאג, איך האב געדארפט אנפולן מיין טאנק מיט אויל, איך האב גערופן די קאמפאני 4:30 נאכמיטאג אויב זיי קענען נאך יעצט אריבערקומען עס אנפולן, ווייל איך האב געוואלט שוין ארויספארן צו די בר מצוה וואס די ראש ישיבה האט געמאכט פאר זיין זון הבחור שמעון נ"י, זיי האבן געזאגט אז זיי קענען קומען אין די נעקסטע צוויי שעה, אבער איך האב שוין געוואלט ארויספארן פאר דעם, וואס טוט מען דא? האב איך געבעטן דעם אייבערשטן "אייבערשטער העלף זיי זאלן שנעל אנקומען נאך פאר איך פאר ארויס", שכח אייבערשטער אז ממש פופצן מינוט נאכדעם וואס איך האב זיי גערופן זענען זיי שוין דארט געווען אנצופילן דעם טאנק, אזוי אז איך האב רואיג געקענט פארן צום בר מצוה, שכח אייבערשטער!

## יצחק אהרן וויינבערג

א) פאר די גרויסע שניי האט די לעקטער קאמפאני ארום גערופן זאגן מען זאל זיך גרייטן פאר א בלעקאוט אין די געגנט, איך האב מיך אנגעהויבן גרייטן אוועקצופארן פאר א טאג כדי אויסצומיידן די קורצשלוס, למעשה האב איך מיך געכאפט אז איך קען דאך בעטן דעם אייבערשטן עס זאל נישט פאסירן קיין קורצשלוס, אזוי האב איך טאקע געטוהן, איך האב געבעטן דעם אייבערשטן עס זאל נישט זיין קיין קורצשלוס, שכח אייבערשטער עס איז נישט געווען קיין שום קורצשליס אינעם גאנצן שטעטל.

ב) איך האב געהאט באשטעלט איינעם וואס זאל מיר שארן די שניי, למעשה איז יענער נישט אנגעקומען צוליב וואס זיין טראק האט זיך צובראכן, איך האב געבעטן דעם אייבערשטן איך זאל נאך האבן דעם זעלבן טאג איינער וואס זאל מיר שארן די שניי, און אויב איך וועל היינט האבן א שניי שארער וועל איך מפרסם זיין די מעשה פון תפלה, שכח אייבערשטער אז דער גוי איז נאך אנגעקומען דעם זעלבן טאג צו שארן די שניי, און שפעטער ביינאכט איז ער נאכאמאל צוריקגעקומען אינגאנצן צוענדיגן די ארבעט עס זאל זיין גוט געפיצט און געלייגט זאלץ. שכח שכח אייבערשטער!

## העניך אינדיג

איך האב געהאט מייז ביי מיר אינדערהיים, און מן הסתם ווייסן אלע די קאנסעקווענצן וואס קומט ארויס פון דעם, איך האב געבעטן דעם אייבערשטן עס זאל נישט זיין קיין מייז מער אין מיין דירה, שכח אייבערשטער זייט דעמאלט האב איך שוין נישט געזעהן קיין מייז ביי מיר.

**בדיקת שעטנז**
מיר קוקן איבער אייערע קליידער פון שעטנז
רופט משפחת גאלדברענער פון קרית וויזניץ קיימישע
845-796-2431

# נייעס אין שטעטל

## אפיס פון מוסדות היכל הקודש

פארגאנגענעם זומער האבן זיך די אפיסעס פון די הייליגע מוסדות היכל הקודש ברסלב אין אמעריקא אריבערגעצויגן קיין קרית ברסלב ליבערטי, די אפיסעס נעמט אריין די ארבעט פאר די מוסדות אין וויליאמסבורג, די מוסדות אין קרית ברסלב ליבערטי, און אזוי אויך די מוסדות אין קרית יואל.

אנפאנג איז עס געווען קווארטירט דארט וואו עס איז יעצט די צווייטע בית המדרש [נאר פאר שבת] אויף די דענמאן גאס.

דערנאך איז עס אריבער געגאנגען צו די אפיסעס פון "פעסט בילד" [אנגעפירט ביי האברך שבתי מזרחי הי"ו וואס איז געווארן געשטעלט דורך דעם ראש ישיבה שליט"א צו בויען די הייזער אין שטעטל], דארט איז די אפיס געווען אפאר חדשים.

פארגאנגענע וואך האט מען זיך בשעה טובה ומוצלחת אריבער געצויגן צו א נייע שיינע לאקאל אינעם בנין התלמוד תורה, וואס מען האט ספעציעל אהערגעשטעלט גאר געשמאק און באקוועם.

די אפיס נעמט אריין גאר אסאך אין זיך, אנגעהויבן פון צאמנעמען שכר לימוד פון די עלטערן וואס שיקן די קינדער אין איינע פון די דריי מוסדות'ער וואס מיר האבן, אזוי אויך באצאלן אלע איינגעשטעלטע פון אלע דריי מוסדות'ער וואס דאס ציילט שוין היינט אין גרויסע נומערן, דערנאך ווערט דארט אנגעפירט די אפעראציע פון די שטאטישע פראגראמען וואס דארף האבן אן עקסטערע אויפזיכט אז אלעס זאל גיין געשמירט ווי עס דארף, און אזוי אויך האלטן אן אויג אויף אלע הוצאות פון די מוסדות.

אלע ארבעטער'ס אין אפיס זענען חשוב'ע פרויען פון דא אין שטעטל, עס איז א זכיה פאר'ן שטעטל אז די חשוב'ע ארבעט פאר די דריי מוסדות'ער פון הייליגן רבי'ן גייט ארויס פון דא אין שטעטל.

דאס איז נאך א רינגעלע פון איינע פון די חשוב'ע אקטיוויטעטן וואס קומט ארויס פון שטעטל "קרית ברסלב ליבערטי".

## באזוך פונעם ראש ישיבה שליט"א אין שטעטל

פארגאנגענעם מיטוואך אינדערפרי האט מען געהאט די זכיה צו האבן א סורפרייז באזוך פונעם ראש ישיבה שליט"א, דער ראש ישיבה שליט"א האט געדאווענט מיט'ן ערשטן מנין אום זיבן אזייגער אינדערפרי.

דערנאך איז פארגעקומען א מיטינג מיט די הנהלה פון קרן הדפסה היכל הקודש, איבערצוגיין אלע אנטוויקלונגען אינערהאלב די הדפסה און וואס מען קען אלץ פארבעסערן אין די צוקונפט.

נאכדעם איז דער ראש ישיבה שליט"א אריבער צו די קינדער אין תלמוד תורה, דער ראש ישיבה האט געבעטן פון אלע קינדער זיי זאלן פארציילן א שיינע מעשה פון תפלה וואס זיי האבן געהאט, דער ראש ישיבה האט זייער הנאה געהאט צו מיטהאלטן פונדערנאנט ווי די קינדער וואקסן אויף מיט'ן אייבערשטן, און אז עס הערשט דארט גאר א פרייליכע שטימונג.

דערנאך איז דער ראש ישיבה שליט"א אריבער צו די בית פיגא תלמידות זיך אומקוקן וויאזוי עס גייט צו די סקול, אזוי אויך האט דער ראש ישיבה שליט"א געגעבן הדרכה פאר די חשוב'ע איינגעשטעלטע פון די מוסדות ארויסברענגענדיג אז דאס איז די חשוב'סטע ארבעט וואס איז נאר דא אויף די וועלט.

# א בריוו פון דעם ראש ישיבה שליט"א

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד' פַּרְשַׁת וַיִּגַּשׁ, ח' טֵבֵת, שְׁנַת תשפ"א לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד מַיין טֵייעֶרער לִיבֶּער ... נֵרוֹ יָאִיר, קִרְיַת בְּרֶסְלֶב לִיבֶּעֶרְטִי**

אִיךְ פָּאר יֶעצְט צוּם רֶבִּי'ן מִיט מַיין זוּן ... נֵרוֹ יָאִיר, דֶער רֶבִּי הָאט מַבְטִיחַ גֶעוֶועןְ (חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן, סִימָן תקיז): "אַ קִינְד וָואס וֶועט קוּמֶען צוּ מִיר פַּאר דִי זִיבְּן יָאר וֶועט גֵיין צוּ דִי חֲתוּנָּה מִיט אַ רֵיין הֶעמְד"; וָואס נָאךְ דַארְף אַ טַאטֶע אוּן מַאמֶע? וָואס דַארְף אִיךְ מֶער פוּן דֶעם? אִיךְ וִויל דָאךְ מַיינֶע קִינְדֶער זָאלְן זַיין רֵיין.

אִיךְ וֶועל בֶּעטְן פַאר דִיר אוּן פַאר דַיין וַוייבּ זִי זָאל הָאבְּן אַ רְפוּאָה שְׁלֵימָה.

דוּ וואוּנְדֶערְסְט זִיךְ וִוי אַזוֹי דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה אִיז אַזוֹי רוּאִיג בְּשָׁעַת עֶס טוּט זִיךְ, עֶס הֵייסְט עֶס גֵייעֶן אַרוֹיסְקוּמֶען רַבָּנִים מִיט חֲתִימוֹת וְכוּ', וְכוּ'; גְלֵייבּ מִיר ... **מִיר טוּט מֶער וֵויי וֶוען אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ פַּארְטְרָאגְן זִיךְ נִישְׁט,** אֵיינֶער רֶעדְט אוֹיפְ'ן צְוֵוייטְן - וִוי אַ קוֹל קוֹרֵא קֶעגְן מִיר פוּן טוֹיזְנְט חֲתִימוֹת.

בִּפְרַט אִין אוּנְזֶער שְׁטֶעטְל קִרְיַת בְּרֶסְלֶב וִויל אִיךְ מֶען זָאל לֶעבְּן בְּשָׁלוֹם, וִוי מוֹהֲרָא"שׁ שְׁרַייבְּט אִין דִי לֶעצְטֶערֶע בְּרִיוו פַארְ'ן הִסְתַּלְּקוּת, פַּאר אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ: "אִיךְ עֶקְל זִיךְ פוּן מַחֲלֹקֶת, מַיין גַאנְץ לֶעבְּן בִּין אִיךְ אַנְטְלָאפְן פוּן מַחֲלֹקֶת".

דִיר וֶועל אִיךְ זֵייעֶר מַכִּיר טוֹבָה זַיין אַז דוּ וֶועסְט זֶען **עֶס זָאל זַיין שָׁלוֹם אִין שְׁטֶעטְל,** יֶעדֶער זָאל זַיין צוּפְרִידְן.

...

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה' פַּרְשַׁת וַיִּגַּשׁ, ט' טֵבֵת, שְׁנַת תשפ"א לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד תַּלְמִידוֹת בֵּית פֵּיגָא - "בֵּית פֵּיגָא" ווילְיַאמְסְבּוּרְג, "בֵּית פֵּיגָא" לִיבֶּעֶרְטִי**

אִיךְ גֶעפִינֶען זִיךְ יֶעצְט אִין אוּמַאן בַּיים הֵיילִיגְן רֶבִּינְ'ס צִיוּן, אִיךְ בִּין מִתְפַּלֵּל פַאר אַייךְ אַלֶע, אִיר זָאלְט אַלֶע מַצְלִיחַ זַיין.

אִיךְ בִּין זֵייעֶר פְרֵיילִיךְ צוּ הֶערְן דִי גוּטֶע נַייעֶס אַז אַלֶע מֵיידְלֶעךְ קוֹיפְן קְלֵיידֶער בַּיי אוּנְזֶער נַייעֶ בַּאזַאר; **מֶען שְׁטָאלְצִירְט צוּ גֵיין אָנְגֶעטוּן מִיט קְלֵיידֶער וָואס זֶענֶען נִישְׁט טֵייעֶר,** מֶען הָאט רַחְמָנוּת אוֹיף אִידִישׁ גֶעלְט, מֶען הָאט רַחְמָנוּת אוֹיף טַאטֶע מַאמֶע.

שְׁטַארְקְט אַייךְ, גֶעבְּט אַכְטוּנְג אוֹיף אִידִישׁ גֶעלְט; קוֹיפְט בַּיי אוּנְז אִין בַּאזַאר שֵׁיינֶע קְלֵיידֶער פַאר מַמָּשׁ בְּחִנָּם. הֶעלְפְט אַרוֹיס דִי עֶלְטֶערְן זָאלְן בְּלַייבְּן גֶעזוּנְט, זֵיי זָאלְן נִישְׁט דַארְפְן בָּארְגְן גֶעלְט הַשֵּׁם יִשְׁמְרֵינוּ, קוּקְט נִישְׁט אוֹיף דִי וָואס גֵייעֶן אָנְגֶעטוּן טֵייעֶר, זַייט זֵיי נִישְׁט מְקַנֵּא.

דִי וָואךְ אִיז גֶעוֶוען אַ הֶערְלִיכֶע חֲתוּנָּה אִין יְשִׁיבָה, אִיר זֶענְט אַלֶע גֶעוֶוען, אִיר הָאט אַלֶע גֶעזֶען וִוי שֵׁיין אוּן לֶעבֶּעדִיג דִי חֲתוּנָּה אִיז גֶעוֶוען; אִיךְ הָאף אַז אַלֶע וֶועט אִיר חֲתוּנָּה הָאבְּן אִין יְשִׁיבָה פַאר בְּחִנָּם, אִיר וֶועט הָאבְּן שֵׂכֶל נִישְׁט אוֹיסְצוּגֶעבְּן גֶעלְט פַאר דִי פָּאר שָׁעָה אַז 'אַנְדֶערֶע' זָאלְן מֵיינֶען מִיר הָאבְּן גֶעלְט.

...

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד' פַּרְשַׁת וַיִּגַּשׁ, ח' טֵבֵת, שְׁנַת תשפ"א לִפְרָט קָטָן, אַמְסְטֶערְדַאם, אוֹיפְ'ן וֶועג קַיין אוּמַאן

**לְכָבוֹד מִשְׁפַּחַת ... שֶׁיִּחְיוּ, קִרְיַת בְּרֶסְלֶב לִיבֶּעֶרְטִי**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיוו מִיט דִי צְדָקָה.

אִיךְ פְרֵיי זִיךְ זֵייעֶר צוּ הֶערְן אַז אִיר לֶעבְּט בְּשָׁלוֹם וּבְאַהֲבָה, אוֹיךְ פְרֵיי אִיךְ זִיךְ צוּ הֶערְן אַז אִיר זֶענְט צוּפְרִידְן פוּן דִי מְלַמְּדִים אוּן פוּן דִי טִיטְשֶׁערְס; **מִיר הָאבְּן אוֹיסְנַאם מְלַמְּדִים אוּן אוֹיסְנַאם טִיטְשֶׁערְס,** זֵיי לֵייגְן אַרַיין גְרוֹיסֶע כֹּחוֹת אִין דִי קִינְדֶער אוּן זֵיי גֶעבְּן זֵייעֶר אַכְטוּנְג אוֹיף דִי גֶעפִילְן פוּן דִי קִינְדֶער.

גֶעוואוֹין אַיין דַיין זוּן ... עֶר זָאל **רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אִין פֶעלְד;** הָאסְט אַ שֵׁיינֶע פְּרִיוַואטֶע פֶעלְד, שִׁיק אִים אַרוֹיס רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן. עֶר אִיז שׁוֹין אַ גְרוֹיס קִינְד, פִינְף יָאר; יֶעצְט אִיז דִי צַייט דָאס אַרַיינְצוּלֵייגְן אִין אִים. דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט: "וֶוען אִיךְ וָואלְט גֶעהַאט אַ זוּן וָואלְט אִיךְ נִישְׁט מוֹרָא גֶעהַאט אִים צוּ שִׁיקְן קְלֵיינֶערְהֵייט אִין פֶעלְד רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן".

...

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד' פַּרְשַׁת וַיִּגַּשׁ, ח' טֵבֵת, שְׁנַת תשפ"א לִפְרָט קָטָן, פָארְנְדִיג קַיין אוּמַאן

**לְכָבוֹד אוּנְזֶער טֵייעֶרער מְלַמֵּד ... נֵרוֹ יָאִיר, קִרְיַת בְּרֶסְלֶב לִיבֶּעֶרְטִי**

מִשְׁפַּחַת ... הָאט מִיר גֶערוּפְן, זֵיי הָאבְּן מַמָּשׁ גֶעוֵויינְט פוּן שִׂמְחָה אַז זֵייעֶר זוּן הָאט אַזַא מְלַמֵּד. זֵיי דֶערְצֵיילְן מִיר וִוי דוּ גֶעבְּסְט אַכְטוּנְג אוֹיף דִי גֶעפִילְן פוּן זֵייעֶר קִינְד, זֵייעֶר קִינְד דֶערְצֵיילְט אַז דוּ נֶעמְסְט אִים מִיט וֶוען דוּ גֵייסְט אַרוֹיס פוּן כִּתָּה מַאכְן קַאפֵּי"ס, דוּ גֶעבְּסְט אַכְטוּנְג אוֹיף זַיינֶע פְּחָדִים; עֶר זָאגְט פַּאר זַיינֶע עֶלְטֶערְן: "מַיין רֶבִּי אִיז אַזוֹי גוּט צוּ מִיר, עֶר וֵוייסְט אַז אִיךְ הָאבּ מוֹרָא - גֶעבְּט עֶר אַכְטוּנְג אוֹיף מִיר, אָבֶּער אִיךְ שֶׁעם זִיךְ פוּן אִים", עֶר וֵוייסְט אַז עֶר הָאט אַ פְּרָאבְּלֶעם.

אִיךְ הָאבּ נִישְׁט קַיין וֶוערְטֶער דִיר צוּ לוֹיבְּן, אֵיין זַאךְ קֶען אִיךְ זָאגְן: **"כְּמוֹתְךָ יִרְבּוּ בְּיִשְׂרָאֵל!"** אַ מְלַמֵּד וָואס גֵייט אַרוֹיס פוּן זַיין וֶועג, עֶר גֶעבְּט אַכְטוּנְג אוֹיף דִי טֵייעֶרֶע רֵיינֶע נְשָׁמָה'לֶעךְ - אִיז אַ יְקַר הַמְּצִיאוּת.

בֶּעט מִיט דִי קִינְדֶער פַּאר מִיר; יֶעצְט הָאט זִיךְ אָנְגֶעהוֹיבְּן אַ פְרִישֶׁע קוֹל הֲבָרָה, מֶען רֶעדְט צוּ רַבָּנִים לָשׁוֹן הָרָע אוֹיף אוּנְזֶער קְהִילָּה; מִיר פֶּערְזֶענְלִיךְ גֵייט עֶס נִישְׁט אָן, אָבֶּער אַ שָׁאד דִי אַלֶע צֶעבְּרָאכֶענֶע בָּחוּרִים וָואס הָאבְּן חַיּוּת, חִיזּוּק אוּן לֶעבְּן פוּן דִי יְשִׁיבָה וֶועלְן הָאבְּן פְרִישֶׁע שְׁוֶוערִיקֵייטְן.

**בֶּעט פַאר מִיר, יוֹאֵל בֶּן רֵיצָא רֶעכִיל; אִיךְ בֶּעט פַאר דִיר אוּן דוּ בֶּעט מִיט דִי קִינְדֶער פַאר מִיר.**

...

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג' פַּרְשַׁת וַיִּגַּשׁ, ז' טֵבֵת, שְׁנַת תשפ"א לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד מַיין טֵייעֶרער ... נֵרוֹ יָאִיר, קִרְיַת בְּרֶסְלֶב לִיבֶּעֶרְטִי**

יֶעצְט אַז דוּ זָאגְסְט מִיר וִוי חָשׁוּב דִי בְּרִיוו אִיז בַּיי דִיר, דוּ לֵייגְסְט עֶס אַוֶועק אוּן דוּ לֵיינְסְט עֶס כְּסֵדֶר אִיבֶּער, עֶס אִיז דִיר מְחַזֵּק - וֶועל אִיךְ דִיר שְׁרַייבְּן נָאךְ בְּרִיוו.

אִיךְ הָאבּ זֵייעֶר הֲנָאָה גֶעהַאט צוּ זֶען בַּיי דִיר אִין שְׁטוּבּ דַיינֶע סְפָרִים, וִוי דוּ הָאסְט שִׁיעוּרִים בְּכָל הַתּוֹרָה כּוּלָּה. דוּ הָאסְט מִיר גֶעוִויזְן אַלֶע סְפָרִים בַּיים סוֹף וואוּ דוּ שְׁרַייבְּסְט אַרַיין יֶעדֶע סִיוּם, סִיַּמְתִּי עוֹד הַפַּעַם, סִיַּמְתִּי עוֹד הַפַּעַם וְכוּ'; הָאסְט מִיר זֵייעֶר מְחַיֶּה גֶעוֶוען, וַוייל דָאס אִיז דִי גַאנְצֶע צִיל מִיט דִי יְשִׁיבָה, אַרַיינְבְּרֶענְגֶען לִימּוּד הַתּוֹרָה, וַוייזְן אַ וֶועג פַאר יֶעדְן אֵיינֶעם אַז מֶען קֶען לֶערְנֶען.

אַ רַחְמָנוּת אוֹיף מֶענְטְשְׁן וָואס וֵוייסְן נִישְׁט פוּן דֶעם זִיסְן וֶועג; **מֶען קֶען זִיצְן אִין שְׁטוּבּ מִיט אַ הוֹיפְן סְפָרִים, לֶערְנֶען אוּן לֶערְנֶען;** מֶען שְׁפִּירְט דִי זִיסֶע טַעַם פוּן דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה, מֶען וֶוערְט נָאנְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

וֶוען מֶענְטְשְׁן וָואלְטְן וֶוען גֶעוִויסְט פוּן רֶבִּינְ'ס דֶרֶךְ הַלִּימּוּד (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן עו), אַז מֶען קֶען לֶערְנֶען אֲפִילוּ מֶען פַארְשְׁטֵייט נִישְׁט, מֶען קֶען לֶערְנֶען דִי תּוֹרָה גֵייעֶנְדִיג אוֹיף אַ סֵדֶר פוּן אָנְהֵייבּ בִּיזְ'ן סוֹף אוּן נָאכְאַמָאל אָנְהֵייבְּן אוּן עֶנְדִיגְן אוּן נָאכְאַמָאל אָנְהֵייבְּן - וָואלְטְן אַלֶע גֶעלֶערְנְט אוּן זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ אַלֶע מַדְרֵיגוֹת, אָבֶּער הֱיוֹת מֶען וֵוייסְט נִישְׁט פוּן דֶעם - לֶערְנְט מֶען נִישְׁט.

**אַשְׁרֵינוּ מַה טּוֹב חֶלְקֵינוּ וּמַה נָּעִים גּוֹרָלֵנוּ.**

**א) דער הייליגער רבי האט געזאגט: ווען קיסר'ן און מינסטארן וואלטן געוויסט וואספארא דרך ארץ איך לערן מיט מיינע מענטשן וואלטן זיי...?**

**ב) וויאזוי האט מען ביים הייליגן רבינ'ס טיש גענומען שיריים?**

**ג) דער הייליגער רבי זאגט: דער יצר הרע איז צוגעגליכן צו איינער וואס..?**

חידות אפטיילונג



דער געוואונער פון פאריגע וואך איז הילד אייזיק שטראססער נ"י קרית ברסלב

שיקט אריין די ענטפערס צו 845-379-1161
אדער גיבט איבער די תירוצים פאר'ן מלמד אדער טיטשער.

**ענטפערס פון פאריגע וואך**

א) רבי נתן און רבי נפתלי.
ב) שוסטעריי
ג) געווארן די מיניסטער פון אלע מיניסטארן


פאר אלע אייערע שעלוויע און טרימינג
געברויכן רופט דעם עקספערט
שמשון צבי טייטלבוים
845-243-1580

שיינע הערליכע שירצלעך פאר
ביליגע פרייזן
רופט מרת ראטה נ"י
845-248-3139

פאר אלע אייערע הויז און קאר אינשורענס
געברויכן רופט דעם אינשורענס עקספערט
ישראל שלום דעלקאוויטש
347-661-2579